געוועגליך פרוביר איך צו פארמיידן די סארט זאכן בשעת׳ן שיעור, אבער ס׳איז פאראן א געוויסע מאָס פון בלבול הדעת געשאפן דורך מענטשן, און רבותי, איך זאג אייך, זייער, זייער עקסטרעמע בייזוויליגע מענטשן. מענטשן וועלכע האבן נישט קיין שום ערליכע כוונה, נאר בלויז מבלבל צו זיין דעם ציבור, דורך דערמאנען א באנדע מיט נעמען און שאפן פון אַן עבירה א מצוה, דורך זאגן אז דער בעל שם טוב איז ארומגעגאנגען מאכן עירובין, און דעריבער איז עס א מצוה צו מאכן עירובין, אין שלחן ערוך שטייט ס׳איז א מצוה, אין גמרא שטייט ס׳איז א מצוה צו מאכן עירובין, און ס׳איז דא א גאנצע לאנגע רשימה פון מענטשן וועלכע האבן געזאגט אז דער עירוב אין ברוקלין איז כשר וישר, און א גאנצע באנדע פון נעמען זענען דערמאנט, רב הענקין, דער סאטמארער רבי, ר׳ שלמה דוד כהנא פון ווארשא, און אזוי ווייטער, און דעריבער גייען זיי בפקודת הרבנים און האבן אנגעהויבן צו מאכן דעם עירוב.

איך וויל צענעמען דעם ענין שריט ביי שריט. קודם כל, דער קול קורא מיט די אלע אינפארמאציעס זענען מבהיל׳דיגע שקרים. ס׳איז שקר מוחלט מתחילה ועד סוף. רב הענקין האט דייקא געשריבן, כסדר געדרוקט, אז ס׳איז אסור צו מאכן אַן עירוב אין ברוקלין. למעשה, האב איך פרובירט צו שאפן דעם אלטן הפרדס פון די פערציגערס, וואו זיי האבן דעמאלט געהאט א ויכוח וועגן דעם - פאַר חדשים לאנג, צי מ׳זאל מאכן אַן עירוב אין מאנהעטן, און ס׳געוועגן... די סיבה פארוואס מאנהעטן האט אין זיך געהאט אזא חשיבות, איז ווייל...

איז אזוי. איז איינע פון די נקודות וואס מ׳האט אויפגעברענגט, איז געווען, צי מ׳זאל... אין מאנהעטן איז געווען א וואנט געבויט ביי דעם וואסער ארומנעמענדיג מאנהעטן. אויב איר זענט באקאנט מיט דעם, אין דער איסט סייד, דורכאויס גאנץ מאנהעטן, האט מען געמאכט אז די שיפן זאלן קענען גלייך אריינקומען אין מאנהעטן, איז אין די שפעט 18 הונדערטערס, אין דער אנהויב פון די 19 הונדערטערס האבן זיי געבויט דאס וואס מ׳רופט א "סי וואָל" [א וואנט ארום דעם ים] אין אנדערע ווערטער, מ׳האט געמאכט אז ס׳זאל נישט זיין קיין שום ביטשעס, קיין שום שיפקייט פון דעם מאנהעטן אינזל אזיווי דאס נארטירליכע "סלאופ" [slope ד.מ. ביי די ברעגן פונעם ים וואו דאס ערד גייט שיף אראָפּ און דאס וואסער ווערט אלץ טיפער], און מ׳האט אריינגעשניטן און אויסגעגראבן דאס זאמד פונעם וואסער צו א פונקט, אז די וואנט ביים ברעג פונעם אינזל איז אויפגעשטעלט, ס׳איז גלייך, כדי די שיפן זאלן קענען גלייך אריינקומען אין מאנהעטן, און זיי האבן געמאכט גדרים ארום רובא דרובא פון מאנהעטן.

צוליב דעם איז געווען א רב אין דער אנהויב פון די 19 הונדערטערס, רב סיגעל, דער שערפסער רב וועלכער האט געמאכט אַן עירוב אין מאנהעטן. אין יענער צייט האט ער אנגעארבעט א גרויסן שטורעם. טייל זענען געווען קעגן דעם, און טייל האבן געהאלטן מיט דעם. צום סוף האט רב סיגעל פארלאזט ניו יארק און האט זיך באזעצט ערגעץ אנדערש. אבער דאס איז אנגעגאנגען אסאך יארן, און ענדליך אין די פערציגערס האט מען נאכאמאל געוואלט בויען אַן עירוב אין מאנהעטן, אין די שפעט פערציגערס. רב הענקין איז געווען איינער פון די, וועלכע האבן געהאלטן פון בויען אַן עירוב אין מאנהעטן. ר׳ משה איז געווען דערקעגן. ר׳ משה האט געזאגט, ער האט פארשטאנען די דעת המתירים, וועלכע האבן געהאלטן אז מ׳זאל נישט מוחה זיין. דאן איז עס געווען ווען ר׳ משה האט געשריבן די דאזיגע בריוו.

אין ברוקלין איז געווען הכל מודים אז ס׳איז אסור צו מאכן אַן עירוב. ס׳נישטא קיין וואנט ארום דעם ים. אלע ברעגן פון ברוקלין וואו עס גרעניצט זיך מיט׳ן וואסער, אין אלע זייטן איז אלעס ביטשעס,

ס'נישטא קיין וואנט אינעם וואסער בכלל, און ס'איז דא גאסן און היי-וועיס און אלצדינג וועלכע זענען מפולש משער לשער. די מאנהעטן בריק גייט גלייך אריין אין פלעטבוש עוועניו, און פלעטבוש עוועניו ציט זיך גלייך דאס גאנצע וועג ארויס ביז די "מאַרין פּארקוועי בריק", און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער.

אדרבה, אין אלע ארטיקלען אין דעם הפרדס, האבן זיך רב הענקין און די אנדערע מפלפל געווען, צי מען קען גוזר זיין אויף מאנהעטן אטו ברוקלין. אין אנדערע ווערטער, מ'זאל נישט מאכן אַן עירוב אין מאנהעטן ווייל עס קען צוברענגען דערצו אז מען זאל איינס מאכן אין ברוקלין, און הכל מודים אז ס'איז אסור צו מאכן איינס אין ברוקלין. רב הענקין האט געזאגט "ס'נישט קיין פראבלעם, מ'געפינט אין ש"ס, אז מ'האט געמאכט אַן עירוב אין איין חלק פון דער שטאט, און מענטשן האבן געטראגן אין איין חלק פון דער שטאט, און אין אנדערן חלק פונעם שטאט האט מען נישט געקענט טראגן, און אעפ"כ האט מען געמאכט אַן עירוב, זעט מען, אז מ'קען נישט גוזר זיין.

די אנדערע האבן געהאלטן אז מ'קען [גוזר זיין]. זיי האבן ארויסגעברענגט דעם פאקט, אז עס זענען געווען הונדערטער, הונדערטער מענטשן וועלכע האבן געטראגן אין וויליאמסבורג ווען זיי האבן זיך אוועקגעצויגן פון דער איסט סייד, ווייל אין דער אנהויב פון די דרייסיגערס און אפילו אין די פערציגערס, האבן זיי געטראגן צוליב דעם שערפסער רב'ס עירוב, ממילא האבן זיי אויך געטראגן אין וויליאמסבורג. אבער רב הענקין האט געהאלטן, אז פון ש"ס און פוסקים קען מען נישט גוזר זיין. אבער איינס ביי איינס האבן עס גע'אסר'ט אין ברוקלין.

דער מענטש וועלכער האט געוואלט בויען דעם עירוב אין מאנהעטן איז געווען, וואס איז נאר זיין נאמען?, דער, פון דער תורה שלימה, ס'איז מיר ארויס פון קאפּ, כ'וועל צוריקקומען, ס'איז מיר ארויס פון קאפּ פאר א סעקונדע. ר' מענדל כַּשר וועלכער האט געשריבן די תורה שלימה. ער איז געווען א רב, און האט געוואלט מאכן אַן עירוב אין מאנהעטן, און ווען דער דעברעצינער רב איז אהערגעקומען, ער האט אלעמאל געהאט די פעיגקייטן נאכצוזוכן, ער האט מסדר געווען דעם שדי חמד און געארבעט דערויף אסאך יארן, ער האט געפונען מראה מקומות פאר אלעם און האט עס געדרוקט אין... רב כַּשר... אין דער תורה שלימה... איז געווען אסאך מראה מקומות, אין חומש און חז"ל. ער האט אים געוואלט אויפנעמען אינעם סטעף פונעם עירוב. דעמאלט האט ער ממש נישט געהאט וואס צו עסן אין שטוב, ווייל ער האט געארבעט, איר ווייסט, א פּאָר שעה א וואך, פאר ממש גארנישט, האט ער אים געוואלט געבן א געהעריגע דזשאַב, צו העלפן אינעם קאָנסטראָקשן פונעם עירוב אין מאנהעטן.

דער דעברעצינער רב איז געגאנגען צום סאטמארער רבי און אים געפרעגט צי ער זאל עס טוען. דאס איז וואס דער דעברעצינער רב האט אונז געזאגט, און ער האט עס געשריבן אין א בריוו. האט ער געפרעגט דעם סאטמארער רב - ער זאגט, ס'איז א שטיקל פיקוח נפש, ווייל ער האט ממש גארנישט צו עסן - צי קען ער נעמען א דזשאַב צו העלפן בויען אַן עירוב אין מאנהעטן? האט אים דער סאטמארער רב געזאגט "איך האלט אז ס'איז דער נסיון פון היינטיגער דור צו מאכן עירובין, און חס ושלום ס'איז אזויווי יהרוג ואל יעבור". קיינמאל, קיינמאל זאל ער נישט האבן צו טוען מיט אַן עירוב אין מאנהעטן און ברוקלין.

און ר' מיכאל בער ווייסמאנדל האט געהאט א פלאן צו בויען אַן עירוב אין א חלק פון וויליאמסבורג, וואו די גאסן זענען קרום, און ער האט געפילט אז עס קען זיין... דארט וואו ס'איז נאנט צום טייך,

נאנט צו דער נעיווי יארד. ר' מיכאל - דאס האבן אונז דערציילט די מענטשן וואס זענען געווען פארמישט - ר' מיכאל איז געגאנגען צום סאטמארער רב און אים געפרעגט. האט דער סאטמארער רב געזאגט, ער זאל עס נישט טוען, און ער האט זיך אביסל געאַמפּערט מיט אים, און נאך א פּאָר מינוט, האט ער געזאגט: "ר' מיכאל בער", האט ער געזאגט, "לאזט אפּ!", ער זאגט: "איר וועט נישט בויען קיין עירוב!", ער זאגט: "אזוי לאנג ווי איך לעב וועט נישט זיין קיין עירוב אין ברוקלין", דאס איז עס וואס ער האט געזאגט. די דאזיגע ווערטער האט ער אים געזאגט! מיר האבן עס שריפטליך!

ר' אהרן ז"ל, ווען ס'געקומען צו מאנהעטן, האט ר' אהרן פאררופן אַן אסיפה פון אלע רבנים, ווייל עס זענען געווען אזעלכע וועלכע האבן געזאגט, אז מ'זאל מאכן אין מאנהעטן, און עס זענען געווען וועלכע האבן געזאגט אז מ'זאל נישט. האט ר' אהרן פאררופן אַן אסיפה פון אלע רבנים און געבעטן אז זיי זאלן אסר'ן אַן עירוב אין מאנהעטן און אין גאנץ ניו יארק. אלע רבנים האבן מסכים געווען און האבן גע'חתמ'ט א קול קורא, יעדער איינציגער פון זיי, אריינגערעכנט רב הענקין, אריינגערעכנט יעדעם, און זיי האבן גע'אסר'ט צו מאכן אַן עירוב, אויף אייביג, אין מאנהעטן און אין ברוקלין. א פּאַבליק עירוב - איך רעד נישט פון פּארמאכטע עירובין אין "דעד-ענד סטריטס" וכדומה - א נארמאלע גאס.

לאזט מיך אייך בלויז דערציילן אביסל היסטאריע. ר' שלמה דוד כהנא איז געווען רב אין ווארשא. ווארשא איז געווען די איינציגסטע גרויסע שטאט אין אייראפּע וועלכעס האט געהאט אַן עירוב. פּאריז, לאנדאן און קיין איינע פון די גרויסע שטעט האבן נישט געהאט קיין עירוב. די איינציגסטע גרויסע שטאט וועלכעס האט געהאט אַן עירוב איז געווען ווארשא. ווארשא האט געהאט דעם עירוב אין 1880, ווען עס האבן געוואוינט 200,000 מענטשן אין ווארשא.

אין 1992 ווען פוילן האט זיך דערקלערט זעלבסטשטענדיג, האט מען זיך פון גאנץ פוילן געצויגן קיין ווארשא, געשאפן א נייע הויפּט שטאט, א נייע לאנד אנגערופן "פוילן". פארגעסט נישט אז פוילן האט נישט עקזיסטירט זינט 1795. ס'איז געווען צעטיילט אזוי ווי קורדיסטאן, אזוי איז געווען פוילן. נאכדעם האט מען צוזאמענגעשטעלט דאס לאנד, און דאן איז ווארשא געווארן די הויפּט שטאט, און טויזנטער, טויזנטער פּאַלאַקן האבן זיך געצויגן קיין ווארשא. די שטאט איז געווען אויף צוויי זייטן. דער וויסטולא טייך לויפט גלייך אדורך ווארשא. ס'איז נאך אלץ געווען בערך 400,000 מענטשן אויף ביידע זייטן פונעם טייך, און צוזאמען זענען געווען מער ווי ששים רבוא.

אינמיטן ווינטער איז דער טייך גענצליך פארפרוירן געווארן, און מענטשן זענען עס דורכגעגאנגען אזוי ווי אין א גאס - האבן מענטשן געזאגט אז מ'זאל אראפּנעמען דעם עירוב. ר' שלמה דוד כהנא האט געשריבן תשובות אז דער עירוב איז נאך אלץ גילטיג, און ס'איז נישטא קיין רעדע פון עס אראפּנעמען. דער טייך איז נאך אלץ מחלק די שטאט, ס'איז באמת צוויי שטעט, ס'נישט איין שטאט, און אזוי ווייטער.

ר' שלמה דוד כהנא איז געווען איינער פון די גרעסטע רבנים אין אייראפּע. ער איז געווען דער וועלכער האט ארגאנאזירט דעם בית דין וועלכעס איז געווען ראוי צו פסק'נען אויף אלע עגונות, און מ'האט זיך פארלאזט אויף זיין ווארט אויף אלעם. ער איז געווען דער למעשה'דיגער רב פון ווארשא. ווען ווארשא האט נישט געהאט קיין רב, איז ער געווען דער נשיא פון די וועד הרבנים פון ווארשא. אלע זיינע תשובות ווייזן אַן, אז מ'קען נישט מאכן קיין עירוב אין א שטאט ווען די שטאט

פארמאגט אלץ אינאייינעם ששים רבוא, אויב ס'איז פארבונדן, אחוץ ווען ס'איז פאראן א טייך וואס לויפט אינצווישן, און ס'איז דא וויינינגער ווי ששים רבוא אויף יעדער זייט.

די גאנצע רשימה מיט די נעמען דארט איז שקרי שקרים. איר פארשטייט? איר האט מענטשן... ס'איז געווען א משוגענער וועלכער האט אויפגעשטעלט אַן עירוב אין וויליאמסבורג, און ווען דער סאטמארער רב איז געווען אין זיינע ניינציגערס און ער איז געזעסן פארפרוירן א גאנצן טאג, און מענטשן זענען דורכגעגאנגען, און ער האט נאר געשאקלט זיין פינגער, און קוים קוים זיך גערוקט. איז ביים ענדע האט ער אויסגעטיילט געלט ווייל זיין שכל איז נאך דארט געווען, און ער איז געווען... ער איז געזעסן און האט אויסגעטיילט פאר מענטשן וועלכע זענען געקומען... עניים זענען געקומען, און ער האט אויסגעטיילט געלט פאר צדקה, און דער איד איז געקומען און האט געבעטן געלט, און ער האט באקומען $300.00, און ער איז ארויסגעגאנגען, דער משוגענער רשע מרושע, און ער איז ארויסגעגאנגען און האט יעדן געזאגט אז דער סאטמארער רב האט מסכים געווען צו זיין עירוב, און דערפאר האט דער סאטמארער רב חרטה געהאט און האט מסכים געווען צו אַן עירוב, איר פארשטייט? איר האנדלט...

איך האב דא א בריוו פון אברהם לייטנער וועלכער איז געווען דער נאנסטער צום סאטמארער רבי. ער האט עס יעצט געשריבן.

"הנני להודיע לכל מאן דבעי למידע, כי הייתי כמה פעמים במעשה שהציעו רבנים לעשות עירוב בברוקלין, וכבוד קדושת אדמו"ר זכרונו לברכה, בעל ויואל משה, לא הסכים בשום אופן ואמר שאין לעשות עירוב בברוקלין [?] איני זז מדבריו הקדושים, ומה שעשו עירוב ברחוב "בלאק" שאני דר בו שלא בידיעתו [?] וכל שכן שלא הסכימו, ואני מזהיר לכל הסרים למשמעתי שלא לסמוך על העירוב..."

האבן זיי געהאט אַן אסיפה מיט צוואנציג, איין און צוואנציג יאר צוריק. רב ביק זצ"ל האט פאררופן אַן אסיפה אין בארא פארק, און אלע רבנים פון בארא פארק זענען דארט געקומען, אריינגערעכנט דער דעברעצינער, און יעדער, יעדער רב אין בארא פארק, פון די חסיד'ישע, פון די ליטווישע, ווער נאר ס'איז געווען דעמאלט. און איין פאקט איז, איינער וואס דרייט זיך נאך דא, וועלכער איז געווען ביי דער אסיפה, ער איז געווען איינער פון די יונגע רבנים, יעצט איז ער איינער פון די עלטסטע. דאס איז יענקל פּאָללאַק פון דער שומרי אמונה שול. רב זינגער, זיי זענען אלע דארט געווען, און זיי האבן אלע פה אחד געשטימט נישט צו האבן אַן עירוב בשום פנים צוליב א חשש פון חילול שבת.

ר' משה האט דעמאלט געשריבן א בריוו. איך האב עס ערשט געהאט אויף מיין טיש. כ'וועל עס געפונען, ווייל ס'איז הונדערטער קאַפּיס. איך בין דארט געווען ביי ר' משה ווען ער האט געשריבן דעם בריוו. ר' משה האט געשריבן דעם בריוו, אז ס'איז אסור מדאורייתא צו מאכן אַן עירוב אין ברוקלין, אין בארא פארק, אין כאטש וועלכע חלק דערפון, און ווער עס מאכט עס, איז עובר אויף אַן איסור דאורייתא פון חילול שבת.

אלע רבנים דארט האבן עס דורכגעשמועסט, און אריינגעקומען איז קליין, דער וואס איז געווען אונטער דעם עירוב. און רב ביק האט מיר געזאגט דעם פאלגנדע שמועס און כ'האב עס נישט געקענט גלייבן. א פאַר טעג שפעטער האב איך באקומען אין דעם פאָסט א קונטרס געשריבן פון קליין, און אין דעם קונטרס שרייבט ער ווארט ביי ווארט, גענוי וואס עס האט פאסירט, און דאס האט פאסירט: ער איז אריינגעקומען זאגן, אז ער האלט

אז מ'זאל מאכן אַן עירוב אין בארא פארק און אז ער קלערט צו מאכן איינס. האבן זיי אים געזאגט: "וויאזוי קענט איר אָנגיין ווייטער און עס מאכן ווען די רבנים זאגן נישט צו מאכן?" האט ער געזאגט: "הלכה כדברי המקיל בעירוב." די גמרא זאגט: "הלכה כדברי המקיל בעירוב." האבן זיי אים געפרעגט, רב ביק האט אים אזוי געזאגט: "רב קליין", האט ער געזאגט, "אבער ווען די חז"ל האבן געזאגט הלכה כדברי המקיל בעירוב האבן זיי געמיינט אַן אנדער מין עירוב אינגאנצן."

אגב רבותי, דאס ווארט "עירוב" אין ש"ס מיינט נישט שטעקענעס און שטריק, ס'ווערט אנגערופן "צורת הפתח", ס'ווערט קיינמאל נישט אנגערופן אַן "עירוב". "עירוב" איז א אידיש ווארט. ס'וואלט זיך באדארפט שרייבן, אל"ף, יר"ד, יר"ד, רי"ש, יר"ד, וא"ו, וא"ו [איירייוו]. ס'וואלט געווען אסאך מער אויסגעהאלטן, ס'איז א אידיש ווארט. דאס ווארט "עירוב" מיינט "עירובי חצירות" און "עירוב תבשילין" אדער אַן "עירוב תחומין" - דאס מיינט "עירוב".

האט ער אים אזוי געזאגט, "חז"ל האבן געאסר'ט, זיי האבן געמאכט א חומרא [נישט] צו טראגן פון איין רשות היחיד צו אַן אנדערן רשות היחיד, און נאכדעם האבן זיי געזאגט, אז כדי דאס צו טוען דארף מען מאכן אַן עירוב. דאס האבן זיי געמיינט הלכה כדברי המקיל בעירוב, אבער אייער עירוב פון וואס איר רעדט איז א קולא, מתיר זיין צו טראגן אין א רשות הרבים, אויף דעם, האבן זיי קיינמאל נישט געזאגט הלכה כדברי המקיל בעירוב". האט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאגט: "ניין, איך וועל אייך ברענגען א ראי', אז זיי האבן געמיינט מיין עירוב, ווייל אין דין שטייט, אז מ'דארף מאכן א ברכה, אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות עירוב". האט ער געזאגט: "לויט ווי איר זאגט אז ס'איז א חומרא, אודאי, קען מען נישט מאכן א ברכה אויף א חומרא, וויאזוי קען מען מאכן א ברכה אויף א חומרא? ווער האט געהערט פון מאכן א ברכה אויף א חומרא? אבער לויט ווי איך זאג, אז ס'איז א תקנה, כדי מענטשן זאלן קענען טראגן זייערע קליינע קינדער און שפאצירן, און הנאה האבן פונעם שבת און נישט זיצן פארביטערט א גאנצן טאג, איז אודאי אויף דעם מאכט מען א ברכה.

זיי זענען געזעסן דארט שאקירט. זיי האבן מיר געזאגט, זיי האבן נאך קיינמאל נישט געזען אזא עם-הארצות אין זייער גאנץ לעבן. ס'נישט פאראן קיין איין איינציגער בור וואס איז אין א באַנגאַלאָ קאַלאָני, וועלכער האט נישט קיין "עדיוקעישן" און וואס ס'זאל נאר זיין... ווער האט אמאל געהערט אדער געטראכט אז ווען מ'מאכט די שטעקענעס און די שטריק פון אויבן - מאכט מען א ברכה, אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות עירוב? און ס'נישט פאראן קיין איין איינציגע אידענע, די גרעסטע עם-הארץ'טע אין דער וועלט, וועלכע ווייסט נישט אז מ'מאכט א ברכה אויף אַן עירוב חצירות און אַן עירוב תבשילין. ס'איז אין דער מחזור, ס'איז אין דער סידור, ס'איז אין דער בענטשער'ל, אין דער הגדה, ס'איז איבעראל, מיט בילדער און אלעס, איך מיין, ס'איז נישט פאראן קיין איין איינציגער מענטש וואס מאכט אזא טפשות'דיגער טעות. זיי האבן געזאגט, זיי האבן נישט, איר ווייסט... ס'האט נישט קיין ריח תורה.

אויך האט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאגט, און דאס האט ער אונז געזאגט אין אנהויב פון דעם מייסטער ארבעט אויף עירוב, אז: "שלמה המלך האט געבויט אַן עירוב אין ירושלים, און דער רבש"ע איז דערויף געווען בשמחה, ווייל ס'שטייט 'בשעה שתיקן שלמה עירובין יצא בת קול ואמר, אם חכם בני ישמח לבי גם אני', איר פארשטייט? - און איך האב געבויט אַן עירוב אין ברוקלין און יעדער איז קעגן מיר, וויאזוי קען דאס זיין? אויב דער רבש"ע איז געווען בשמחה ווען שלמה המלך האט געבויט אַן עירוב..." איר

פארשטייט? דאס האט ער געשריבן, "בשעה שתיקן שלמה עירובין", - שלמה המלך האט געבויט אַן עירוב אין ירושלים. איר פארשטייט? דאס בורות אין אזא מאמר איז אומגלויבליך. אבער ס'איז געדרוקט, ס'איז אלץ אין די קונטרסים. דאס איז געווען דער באַזיס אונטער דעם עירוב פון צוואנציג יאר צוריק. די רבנים כולם כאחד האבן עס גע'אסר'ט.

לעצטע וואך האבן זיי געהאט אַן אסיפה פון 25 רבנים, און אלע רבנים פון בארא פארק זענען זיך צוזאמענגעקומען, די חסיד'ישע און די ליטווישע, יעדער איינער, און בפה אחד האבן זיי געשטימט נישט צו האבן קיין עירוב. אינמיטן דער אסיפה איז אריינגעקומען דער אדנדערער בעל עושה עול, דער פּאַרשוין מיט'ן נאמען כ"ץ, און ער האט זיך אריינבאקומען, ער קומט אריין, און ער האט אנגעהויבן צו שרייען און מאכן "זשאוקס", און ער האט זיי מבייש געווען. ער האט אנגעהויבן מאכן לצנות פון אלצדינג, כאילו ס'וואלט קיינער נישט דארט געווען.

עטליכע פון די רבנים וואס זענען דארט געווען ביי דער אסיפה האבן מיר געזאגט, אז דאס פראָסטקייט פון דעם פּאַרשוין איז נישט צום גלייבן, כאילו ס'וואלט קיינער נישט דארט געווען. ער איז פשוט אריינגעקומען און געמאכט סתם אזוי לצנות, און געשריגן, און אזוי אָנגעגאַנגען. זיי האבן אים געזאגט, "איר טארט נישט טוען אזא זאך", האט ער געזאגט, "איך האלט, יעדער רב קען אויף זיין גאס טוען... קיין אנדערער רב אין דער גאנצער געגנט, קען זיך נישט אריינמישן אין וואס א רב טוט אויף זיין גאס". שוין! און ער גייט ארויס.

האבן זיי ארויסגעגעבן דעם דאזיגן קול קורא:

"דעת תורה, מהרבנים הגאונים תושבי עירנו שליט"א, באסיפת הרבנים שהתקיימה ביום ג' פרשת לך לך תש"ס לפרט קטן, ונשאו ונתנו על דבר לעשות עירוב בשכונתינו בארא פארק, והיות שכבר דנו בזה הרבנים הגאונים הצדיקים מדור שלפנינו זכרונם לברכה ויבדל לחיים טובים ארוכים אשר הם בחיים אתנו לאורך ימים טובים, והחליטו שאין לעשות עירוב כי יש בזה חששות חמורות של חילול שבת קודש חס ושלום, ובודאי שאין לזוז מדבריהם, ובזכות שמירת שבת קודש כהלכתו נזכה לגאולה שלימה."

גע'חתמ'ט, אברהם חיים שפיצער, דער באבובער דיין, דו האסט רב טירנויער, דו האסט דער סאטמארער דיין, באיאנער, סקווירער, פאפא, מאטערסדארפער רב, סקולענער רבי איז דארט געווען און ער האט גע'חתמ'ט -

שאלה: איז דא 25 חתימות?

בעלצקי: - הערשל בראדי, דו האסט יענקל הורוויץ דער טעלזער, און אזוי ווייטער. ס'נישטא דא קיין 25 חתימות, ס'דא 15 חתימות אויף דעם.

"מפני אפס הפנאי בערב שבת קודש לא פרסמנו יותר חתימות, ויופיעו בקרוב."

ס'געווען איינער אדער צוויי וועלכע האבן מורא געהאט צו חתמ'נען. איינער פון זיי האט זיך אויפגעשטעלט, ער וויל נישט חתמ'נען, פארוואס? ווייל ס'איז צו שארף, ס'שטייט "חששות חמורות של חילול שבת". האט דער סאטמארער דיין - לויט ספעציפישע אנווייזונגען פונעם סאטמארער רבי'ן - געזאגט, אז אויב ס'שטייט נישט "חששות של חילול שבת", וועט ער נישט חתמ'נען.

יעצט, אויף וואס האבן די מענטשן, וואס האבן די מענטשן וועלכע בויען אַן עירוב... וואס איז דער פשט מצד בויען, מצד נישט בויען?

שאלה: אבער אויף דער 44סטע [48סטע] גאס האבן זיי "געיטס"?...

בעלצקי: די "געיטס", רבותי... ס'איז נאר דא איין גאס אין גאנץ בארא פארק וועלכעס האט "געיטס", וועלכעס קען הייסן האט "געיטס", וואס דאס איז געווען די סיבה פון בויען דעם עירוב אויף דער 48'סטע גאס צווישן 15 און 16 ביי די באבובער. און די סיבה איז געווען אזוי: ווייל זיי האבן באקומען רשות פון דעם שטאט אויפצושטעלן "געיטס". אפילו דער מעיאר איז דארט געווען, מעיאר קאָטש, וואס דארט איז געווען א גאנצע צערעמאניע, און זיי האבן דעם גאס א נייעם נאמען געגעבן אלס "באבוב פראָמינאַד", און ס'געווען דארט מוזיק און אלצדינג, און רעדעס, און זיי האבן באקומען רשות אויפצושטעלן "בעריערס" כדי די קינדער זאלן זיך קענען שפילן. פון צופרי ביז ביינאכט קענען זיי אויפשטעלן "בעריערס". ס'איז די איינציגסטע גאס אין גאנץ בארא פארק וולעכעס האט אזא רשות, און דעריבער האבן זיי דעם עירוב אויף יענעם גאס אליין.

שאלה: די גערער ישיבה האט דאך אויך רשות אויפצושטעלן "בעריערס"?

בעלצקי: ס'איז נישט קיין פריוואטע גאס. די גאס באדארף צו זיין... האט באדארפט צו זיין א פריוואטע גאס. בכל אופן, דער באבובער דיין וואס האט דא גע'חתמ'ט, וועלכער איז דעם באבובער רב'ס איידעם, האט אליין געזאגט, אז דער באבובער רב האט געזאגט, נאר אויף דער "סיידוואָק", ווייל ס'דא א צד, קען זיין דאס הייסט צדי רשות הרבים, אבער נישט אינמיטן דער גאס. אפילו מיט די "בעריערס" איז די גאס אָפן, ווייל ס'איז אָפן ביי דער "סיידוואָק". ס'איז זייער א שוואכער היתר, און ער [דער באבובער רב] אליין איז געווען זייער צעטראגן. אבער דאס איז נאר ווייל מ'האט זיי געגעבן א ספעציעלע... די גאס איז אנדערש פון אלע אנדערע גאסן. זיי האבן מייחד געווען דעם גאס אלס א "פראָמינאַד". זיי האבן עס א נייעם נאמען געגעבן, "באבוב פראָמינאַד", ס'איז נישט קיין חלק פונעם שטאט.

אזוי ווי עס איז רבותי, לאמיר זען, וואס זענען די צדדים... פאקטיש, ווייל איך נישט אריינגיין צופיל דערין. לאמיר צעלייגן, לאמיר געבן א קוק. איר ווייסט דאך אז אלע ראשונים פון דער ישיבה פונעם רמב"ם און דער רמב"ן און די אנדערע, זאגן, אז אויב א גאס איז זעכצן אמות ברייט, ס'איז א חלק פון א נארמאלע שטאט, סרטיא ופלטיא, און ס'איז מפולש, ס'גייט אריין אין די אנדערע גאסן, ס'גייט אריין אין אַן אנדערער רשות הרבים, הייסט דאס א רשות הרבים. און אין א רשות הרבים דאורייתא קען מען נישט האבן קיין צורת הפסח.

די שאלה איז: איז ברוקלין א רשות הרבים דאורייתא? איז, זענען דא צוויי זאכן וואס זיי ברענגען ארויס. איינע פון די זאכן איז, אז ס'שטייט אין מחבר, אין סימן רמ"ד, איז שטייט אין מחבר שמ"ד, ס'שטייט אין מחבר אזוי, אז א רשות הרבים דאורייתא, איז א גאס וועלכע איז זעכצן אמות ברייט און איז מפולש צו אנדערע רשויות. אבער ס'איז דא נאך א דעה וואס זאגט אז: "כל שאין ששים רבוא עוברות בו בכל יום איז נישט א רשות הרבים." (געב מיר דעם... איין רגע... דעם אלטן משנה ברורה האבן מיר דא.) שמ"ה. דער מחבר ברענגט אזוי:

"ויש אומרים שכל שאין ששים רבוא עוברים בו בכל יום, אינו רשות הרבים."

יעצט, דעריבער זאגן זיי אזוי: דער מחבר איז א המשך פון דעם פריערדיגן, דער אנהייב פונעם סעיף:

"איזהו רשות הרבים, רחובות ושווקים הרחבים ט"ז אמה, ואינם מקורים, ואין להם חומה, ואפילו יש להם חומה, אם הם מפולשים משער לשער ואין דלתותיו נעולות בלילה הוי רשות הרבים."

איז וויבאלד ער רעדט וועגן רחובות, אַקעי?, ער האט דערמאנט דאסווארט "רחובות". איז דעריבער זאגן זיי, "יש אומרים [שכל] שאין ששים רבוא עוברים בו", דאס ווארט "בו" מיינט דעם רחוב, ווייל דאס ווארט "בו" באציט זיך צו דעם "גאס" וואס איז דערמאנט פריער, אַקעי? וויבאלד ער זאגט "רחובות ושווקים." כאטשיג מ'דארף זיין א קליינער קענער אין דקדוק אזוי צו זאגן, ווייל די ווערטער "רחובות ושווקים" איז א לשון רבים, האט געדארפט שטיין "בהם", אַקעי? איך מיין ס'וואלט געווען אַן אמת'ע פשוט'ע... אבער דאס זאגן זיי.

דעריבער זאגן זיי אזוי, אז כדי צו האבן א רשות הרבים דאורייתא, דארף מען האבן איין איינציגע גאס, און; יענע גאס דארף זיין מפולש משער לשער, און; ס'זאל גיין פון איין עק שטאט צום אנדערן, און; אין יענעם גאס דארף מען האבן 600,000 מענטשן וואס זאלן ארומגיין יעדער איינציגער טאג. אויב איינע פון די זאכן פעלן, האט מען נישט קיין רשות הרבים. אַקעי? מ'דארף האבן איין איינציגע גאס, א רחוב, וועלכעס האט 600,000 מענטשן וואס גייען יעדער איינציגער טאג אין יענעם גאס. און וויבאלד אין ברוקלין האט מען דאס נישט, זאגן זיי... יעדער איינער הייבט אַן רעדן, "אַשען פּאַרקוועי?, אַשען פּאַרקוועי איז נישט מפולש משער לשער", און אפילו אויב ס'איז יא, האבן זיי א חשבון, זיי האבן געפרעגט דעם מעיאר, זיי האבן געפרעגט דעם הויפט פון די פאליציי און אזוי ווייטער און ווייטער.

איך וואונדער זיך אויף דאס פּוסטקייט און דאס טפשות - פון אזעלכע, וואס חוץ מזה זענען זיי אינטעליגענטע מענטשן - וואס רעדן אזעלכע זאכן. און נאך א זאך: לאמיר זיך אליין פרעגן א שאלה. אויב מיר וועלן זאגן, אז ס'איז פאראן א תנאי, אז א רשות הרבים דאורייתא דארף האבן 600,000 מענטשן וואס זאלן גיין אין איין איינציגער גאס, א יעדער איינציגער טאג - איז איין זאך אַבסאַלוט זיכער בלי שום ספק, אז לויט דעם תנאי, איז קיינמאל נישט געווען קיין רשות הרבים זייט די וועלט האט זיך אנגעהויבן; עס וועט קיינמאל נישט זיין, און; עס קען נישט זיין!

ס'איז נישט מעגליך אין דער וועלט צו האבן איין איינציגע גאס מיט 600,000 מענטשן גייענדיג אין יענער גאס א יעדן טאג. אפילו בראָדוועי אין מאנהעטן האט נישט קיין ששים רבוא וואס גייען אין דעם גאס יעדער איינציגער טאג. מ'וואלט באדארפט האבן אלע 'מאַכערס', צו נעמען א שטאט פון 25 מיליאן מענטשן, און זיי וואלטן געמאכט א ספעציעלע גאס, און למעשה מחייב געווען יעדן איינעם אראפצוקומען אין דעם גאס אריין. אזעלכע זאכן האט מען נאר געטוען אין סאָוועט רוסלאנד. מענטשן קלויבן זיך נישט אויס א גאס בלויז ווייל זיי פּרובירן צו פּאַבּראַקירן... ס'איז נישט פאראן אזא זאך.

איז מיר דארפן זיך אליין פרעגן א שאלה: אויב דער תנאי אינעם מחבר איז אויף אזא אופן וואס איז אוממעגליך פארווירקליכט צו ווערן, דאן איז זייער שיין זיך צו קלאפן אויפ'ן רוקן, און זאגן: "אבער סוף כל סוף, דאס איז דער טעם פארוואס די פוסקים זאגן, אז בזמן הזה איז נישטא קיין רשות הרבים דאורייתא, ווייל מיר האבן נישט אזא גאס." איי, אין דער גמרא שטייט אז... איבעראל דערמאנט די גמרא א רשות הרבים דאורייתא, אין ירושלים, אין נהרדעא, אין פומבדיתא, און יעדער פלאץ אונטער'ן זון האט געהאט א רשות הרבים דאורייתא, און ס'איז אלעס דערמאנט אין ש"ס? וועלן מיר מוזן זאגן, אז אין נהרדעא, און אין פומבדיתא און ירושלים זענען געווען גאסן... ריכטיג? מיר האבן די אלטע ווענט פון ירושלים, רבותי! ס'נישט מעגליך אין דער וועלט צו בויען דארט א גאס, וואס זאל האבן 600,000 מענטשן צו גיין דארט יעדן טאג. און די

גמרא זאגט, "ירושלים, אלמלא דלתותי' נעולות בלילה חייבין בה משום רשות הרבים."

נאך ווייטער, די רשיות הרבים זענען געווען מצוי איבעראל. מ'האט זיי געפונען איבעראל. וויאזוי ווייס איך? ווייל רוב גזירות אין ש"ס זענען א גדר אטו הוצאה ברשות הרבים, שמא יעבירנו ד' אמות. פארדעם האט מען גע'אסר'ט לולב, פארדעם האט מען גע'אסר'ט סוכה, ריכטיג? והיינו טעמא דשופר. פארדעם האט מען גע'אסר'ט עירוב חצירות, גזירה אטו הוצאה, איר פארשטייט? האלב פון דער מסכתא עירובין איז געבויט אויף דעם. פארדעם האט מען גע'אסר'ט מוקצה לויט'ן פשטות הלשון אין דער גמרא, אין דער ראב"ד, און אין רוב ראשונים. דער רמב"ם זאגט, אז עס זענען פאראן נאך טעמים, ענינים פארוואס מ'האט גע'אסר'ט מוקצה. ס'איז אלעס א גזירה משום הוצאה, אָקעי?

איז אויב מ'קען צוזאמענשטעלן א תנאי, וואו ס'נישטא אזא זאך ווי א רשות הרבים דאורייתא - וועלכעס איז פאקטיש אוממעגליך - דאן, איז איין זאך קלאר, אז מ'מאכט א טעות אינעם תנאי, ווייל דאס האט דער מחבר בכלל קיינמאל נישט געמיינט. דער מחבר מיינט, "יש אומרים שכל שאין ששים רבוא עוברים בו", אינעם 'רשות', איר פארשטייט? אינעם 'פלאץ', אינעם 'מקור', און דער 'מקור' מיינט די 'שטאט'. עס מיינט די גאנצע שטאט.

יעצט רבותי, אין דער צייט פונעם רמ"א זענען נישט געווען קיין שטעט וועלכע האבן פארמאגט ששים רבוא. אזוי אויך, זענען נישט געווען קיין שטעט אין דער צייט פון די ראשונים וועלכע האבן פארמאגט ששים רבוא. זיי זענען געווען קליינע שטעט. אין אייראפע... אין באגדאד זענען יא געווען. עס זענען געווען אכט, 900,000 מענטשן אין באגדאד. אין אנדערע פלעצער, אין דער מזרח זענען געווען אזעלכע שטעט, אבער נישט אין אייראפע. און פארדעם זאגט דער רמ"א אז, "בזמנינו" און "במדינתינו", איז נישט פאראן קיין רשות הרבים, אבער ער האט נישט געמיינט צו זאגן, אז עס דארף זיין איין איינציגע גאס מיט 600,000 מענטשן וואס גייען. יעצט... יא?

שאלה: [?].

בעלצקי: ס'איז אלעס איין גרויסע גאס. ס'איז אלעס... כל זמן ס'איז מפולש, כל זמן ס'איז נישט קיין "דעד-ענד סטריט", מ'גייט אריין און מ'גייט ארויס, איז עס נישט קיין "דעד-ענד סטריט". א גאס וועלכע איז אין פאָרעם פון א "ח", איז נישט מפולש. ס'איז נישט פאראן אַן אנדערער אופן אז ס'זאל נישט זיין מפולש.

שאלה: יעדעס מאל מ'טראגט אין א קליינע גאס איז מען עובר אַן איסור?

בעלצקי: יא! יעדער וואס טראגט אין בארא פארק מיט'ן עירוב, איז עובר אַן איסור דאורייתא. יעדער וואס טוט עס, איז מחלל שבת בפהרסיא! זיין ווין איז "יין נסך", און אזוי ווייטער און ווייטער. איך וויל אייך זאגן רבותי...

שאלה: כאטש וואו אין ברוקלין?

בעלצקי: כאטש וואו אין ברוקלין, אחוץ די "דעד-ענד סטריטס". אין קאַנאַרסי, איז פאראן א מקור, ווייל קאַנאַרסי איז ארומגענומען פון דריי זייטן, ס'איז נישט מפולש. ס'איז פאראן א מקום מקיל צו זיין, אפשר די "פּאַרדיגעטס" [Paerdegats] און די פלעצער וואו עס זענען דא טיף אריינגעשניטענע "אינלעטס", [ד.מ. א פּאַסיק פונעם ים וואס ציט זיך אריין אינעם יבשה] וועלכעס, [די יבשה צווישן צוויי אזעלכע פּאַסיקעס] האט אזיווי ווענט אויף ביידע זייטן.

שאלה: [?]

בעלצקי: מ'דארף עס מאכן... צו מאכן אַן עירוב. וואס איז עס ווערד? מ'קען נישט מאכן קיין עירוב מיט שטריק און שטעקענעס. מ'קען נוצן, רוף עס "פאון

ליינס״, מ׳קען האבן... ס׳נישט קיין נפקא מינה. א צורת הפתח איז נישט גוט אין א רשות הרבים דאורייתא, פארטיג! מ׳דארף דלתות.

שאלה: [?]
בעלצקי: די ״סיידוואָקס״ זענען די זעלבע זאך. די ״סיידוואָקס״ זענען א חלק פונעם רשות הרבים.

שאלה: וואס איז אין בני ברק? וויאזוי האט בני ברק אַן עירוב?
בעלצקי: בני ברק איז א קליין שטעטל. בני ברק האט נישט מער ווי 50,000 מענטשן.

שאלה: ירושלים?
בעלצקי: אין ירושלים...

שאלה: בארא פארק האט אויך נישט...?
בעלצקי: וואס?
חוזר השאלה: בארא פארק האט נישט מער ווי... ס׳האט אפילו נישט...
בעלצקי: בארא פארק איז איין המשך׳דיגע שטאט. ס׳נישטא קיין הפסק, ס׳הערט זיך נישט אויף. מ׳רופט עס ״בארא פארק געגנט״, דעם געגנט רופט מען ״קענסינגטאָן״. ס׳איז א געגנט. וואו הערט זיך עס אויף און וואו הייבט זיך עס אָן. אויב דו שטרעקסט אויס דיין קאפ צו ווייט, ביזטו אין אַן אנדערע געגנט.

שאלה: קווינס [?]
בעלצקי: איין מינוט נאָר. קווינס האט אַן אנדערע... קווינס איז געווען א באזונדערע שאלה, רבותי. איך קען מסביר זיין...

שאלה: פארוואס האט אַן ״עלי״...? (alley)
בעלצקי: אַן ״עלי״ איז נישט א רשות הרבים. ס׳איז נישט וואו די רבים גייען. אַן ״עלי״ איז נישט א רשות הרבים.

שאלה: ירושלים האט דאך ששים רבוא?
בעלצקי: ירושלים... ביים לעצטן ״סענסוס״ האט ירושלים געהאט נאנט צו 600,000. אבער ירושלים רבותי - קודם כל - איז אינגאנצן אפגעהאקט. אויב איינער ווייסט, איז דא א פרגוד אין ירושלים. די דרום-מעריב חלקים פון ירושלים זענען א האלבע מייל צעטיילט פונעם איבריגן שטאט. עיר גנים און קרית יובל, די אלע פלעצער זענען באזונדער. אפילו בית וגן איז אינגאנצן באזונדער. עס זענען דא גרויסע הפסקות.

שאלה: רמות...?
בעלצקי: וואס?
חוזר השאלה: רמות...?
בעלצקי: רמות איז באזונדער, נוה יעקב איז באזונדער. דאס זענען פלעצער, חלקים וואס זענען אזויווי א באזונדערע שטעטל. די אלע צוזאמען האבן קוים ששים רבוא. ס׳איז נישט ווי ברוקלין וועלכע איז איין שטאט, וואו עס וואוינען צוזאמען דריי מיליאן מענטשן, פינף מאל ששים רבוא. און דריי מיליאן מענטשן, אחוץ נאך א מיליאן אדער צוויי, פון די נישט לעגאלע פרעמדע וועלכע זענען דא, וועלכעס מיינט... ס׳איז אלעס איין המשך׳דיגע...

מיינע טייערע קינדערליך, איך וויל אייך זאגן עפעס. איך בין מוחל א מענטש וועלכער האט נישט דורכגעלערנט די סוגיות, די יסודות׳דיגע סוגיות, אויב ער זאגט אז ״מעקדאַנאָלד עווענױ״ האקט איבער האלב פון ברוקלין. פארוואס? ווייל ס׳איז דא א קירה, ווייל ס׳איז דא א דאַך איבער דעם ״טרע[ק]״, איבער דעם... און כאטש ווער עס האט דורכגעלערנט די יסודות׳דיגע סוגיות אין שבת, וואס אגב, לערנט מען עס דא אין ״הײ סקול״, דארף וויסן, אז ס׳איז נישט פאראן אזא זאך.

די גמרא זאגט אז: ״העגלות״, וואס שטייט? ״תחתיהם וביניהם רשות הרבים.״

נישט אזוי? "וביניהם רשות הרבים". זאגט די גמרא: "אבער וואס איז אויב זיי זענען אלע צוגעדעקט?", איז זאגט די גמרא: דאס קען נישט זיין, ווייל, "אין רשות הרבים מקורה", ממילא איז נאר 'ביניהם' א רשות הרבים. ממילא, צווישן צוויי פלעצער וועלכע זענען צוגעדעקט איז דא א רשות הרבים. דער פאקט אז ס'איז פאראן א פלאץ וועלכעס איז מקורה, און אויף דער אנדערער זייט דערפון... ס'איז אלץ איינס. ס'איז איין שטאט. ס'נישט שייך צו זאגן: "ווייל ס'איז מקורה, איז עס א רשות... צעטיילט עס די שטאט אין צוויי."

שאלה: אויף מעקדאַנאָלד אליין...?

בעלצקי: אונטער די "טרעקס", איז עס א רשות הרבים מקורה. אונטער דעם "טרעק" איז מעגליך צו מאכן א צורת הפתח, יא, ווילאנג דו ביזט אונטער דעם "טרעק". אין אנדערע ווערטער, [פאַר] די וועלכע ווילן בלייבן אונטער דעם "טרעק", און נישט ארויפגיין אויפ'ן "סיידוואָק", ווייל דו טראגסט פון איין חלק פונעם "טרעק" אינעם אנדערן... אונטער דעם "טרעק".

שאלה: [אודות לעשות תקרה כללית על כל שכונת פלעטבוש]

בעלצקי: וואס?

חוזר השאלה:

בעלצקי: כלליות'דיגע דעכער? דאס איז אזויווי דער סאטמארער רב האט געזאגט, "היינט, וואס אין דער היים איז געווען א רב, איז א שלאק, איז אין אמעריקע א רב". "שלאַקע, שלאַקע רב", זאגן זיי. ס'פאראן א ווארט, אין דער סוכה, דער צודעק איז אלעמאל גערופן געווארן א "שלאק", אין ענגליש זאגן זיי ס'איז א "ראָף", ריכטיג? אבער ער האט געמיינט עפעס אנדערש, "[וואס] אין דער היים איז געווען א שלאק איז דא א רב."

שאלה: אויב איינער מאכט אַן עירוב [פאַר] צוויי אדער דריי הייזער מיט א שטריק... ס'איז א טעות צו מאכן א...

בעלצקי: ניין, ס'איז א טעות. רבותי, איך וויל אייך זאגן עפעס. עס זענען דא מענטשן וואס... איך וויל אייך נאר זאגן עפעס. דער פאקט, אז ס'איז דא מענטשן וואס זענען נישט קלאר אין די הלכות, און זיי גייען ווייטער און טוען וואס זיי ווילן, איז גארנישט קיין נייעס. דאס פאסירט אלעמאל. דער פאקט, אז די דאזיגע מענטשן שלאגן זיך מיט יעדן איינעם צו מאכן אַן עירוב, איז נישט ווייל זיי זענען נישט קלאר, און דער פאקט אז זיי ציטירן פאלשערהייט די אלע נעמען און זיי זאגן פרעכע ליגנט, דאס איז נישט ווייל זיי זענען נישט קלאר. זיי זענען בייזוויליגע רשעות'דיגע מענטשן! ס'איז נישט אז זיי זענען נישט קלאר. זיי ווייסן אז ס'איז נישט אזוי! מ'האט זיי דאס געזאגט דורך די נאנסטע מענטשן צו די אלע רבנים וואס זענען דארט געווען אז ס'איז נישט אזוי. זיי טוען עס... אויף זייער... אפילו הכי טוען זיי עס. און איך וויל זאגן...

שאלה: וואס ווילן זיי דא?

בעלצקי: וואס זיי ווילן דא? מיין טייערע, איך וויל אייך בלויז מסביר זיין נאך איין זאך. די אלע 25 נעמען אדער די אנדערע וועלכע זענען דארט געווען ביי דעם אסיפה, וועלכע האבן געשטימט בפה אחד עס נישט צו האבן, די אלע, די עלטערע רבנים און...

לאמיר זיך אליין פרעגן א שאלה. אויב מיר רעדן וועגן די קהילה דא אין ניו יארק, צו זאגן, אז ר' אהרן און ר' משה און דער סאטמארער רב - לאמיר נעמען די דריי, גוט? וועמען האסטו איבערגעבליבן? זיי זענען געווען די מנהיגים, די ראשי היהדות במדינתינו. דאס מיינט, אויב זיי האבן געזאגט, ס'איז אסור מדאורייתא, איז גארנישט געבליבן נאכדעם. איז אחוץ דעם אלעם, אחוץ די אלע רבנים, נעם די צוויי אדער דריי, דריי אדער פיר "אמת'דיגע"

מענטשן וועלכע האבן דא אנגעמאכט די "מאַנקי ביזנעס", און כ'וועל מפרט זיין א חלק פון די נעמען.

איך וויל אייך זאגן עפעס, און מיט דעם גיי איך מער גארנישט דערמאנען. איר זענט יונגע מענטשן, און ס'דא זאכן וואס זענען שווער צו לערנען. יעצט רבותי, עס זענען דא געוויסע מענטשן וואס זענען מצליח, זיי האבן עס געמאכט אין דער וועלט. זיי האבן נאכפאלגערס. אדער זענען זיי רבי'ס מיט חסידים, אדער זענען זיי ראשי ישיבות מיט תלמידים, אדער זענען זיי רבנים מיט בעלי בתים. זיי זענען מענטשן וואס זענען רעספעקטירט. זיי זענען מענטשן וועלכע האבן מצליח געווען. עס זענען דא מענטשן וואס זענען פעלערהאפטיג. זיי האבן פרובירט, זיי האבן זיך פארמאכט. זיי האבן פרובירט נאכאמאל, און האבן זיך נאכאמאל פארמאכט. די אלע דאזיגע מענטשן זענען פון יענער גרופע. איינער פון זיי האט צוויי מאל געהאט א ישיבה, ס'האט זיך פארמאכט, באנקראטירט יעדעס מאל. נישט קיין תלמידים, נישט קיין רביים, נישט קיין מתפללים אין דער שול. אַן אנדערער, האט מתפללים אין דער שול, אבער געעפענט א מוסד דריי פיר מאל, און ס'האט זיך אלעמאל פארמאכט און געבליבן מיט גארנישט. דער אנדערער האט ווייטער א שול און נישט קיין מתפללים.

מענטשן וואס זענען פעלערהאפטיג אין לעבן, פרובירן אפט צו טוען עפעס. "נעשה לנו שם פן נפוץ על... הבה נבנה לנו עיר ומגדל וראשו בשמים ונעשה לנו שם." ס'איז א פראבע זיך צו שאפן א נאמען דורך טוען עפעס. ענדליך, ענדליך וועלן זיי אנקומען. רבותי! זיי זענען געווען פעלערהאפטיג זייער גאנץ לעבן, זיי וועלן אלעמאל בלייבן פעלערהאפטיג. און ס'איז דא א סיבה פארוואס זיי זענען פעלערהאפטיג. ס'איז דא א סיבה פארוואס די תלמידים לויפן אוועק פון זיי, פארוואס די בעלי בתים לויפן אוועק פון זיי, ס'איז דא א סיבה דערויף.

איר זעט? ווער עס האט נישט דאס מינדעסטע פחד, [און] וועלכער פרובירט מתיר צו זיין דאס מערסטע חמור'דיגע איסור אין כל התורה כולה, וועלכעס איז, דער איסור פון הוצאה בשבת; דער איסור הוצאה בשבת איז דאס מערסטע חמור'דיגע איסור אין כל התורה כולה. ס'איז מער חמור ווי נדה, ווייל נדה איז מען נאר חייב כרת, און אויף הוצאה בשבת איז מען חייב מיתת בית דין און סקילה. ס'איז מער חמור ווי רציחה. אויף רציחה איז מען נאר חייב הרג און אויף דעם איז מען חייב סקילה.

בסדר. אזויווי איך האב אַן אנדערס מאל דערמאנט, איז דא איבער 200 בלאט גמרא בנוגע דעם איסור הוצאה בשבת. די גאנצע מסכתא עירובין, א דריטל פון מסכתא שבת, איבעראל, אין פסחים, אין ביצה, אין סוכה, אין ראש השנה, אין מגילה, וואו דו גייסט, רעדט זיך וועגן דעם איסור הוצאה בשבת. הלל הזקן איז געווארן דער נשיא ווייל ער האט געלייזט דעם פראבלעם פון הוצאה בשבת, דורך ברענגען די סכינים, מיט דער גאנצער מעשה אין פסחים. דער איסור הוצאה בשבת איז פון די יסוד היסודות. מסכתא שבת הייבט זיך אָן מיט דעם. ס'איז דאס מערסטע חשוב'סטע און דאס מערסטע חמור'דיגע איסור וועלכעס איז פאראן.

יעדער איינער וועלכער האט במחשבה עובר צו זיין און מבטל זיין דעם איסור הוצאה, און זאגן אז דער בעל שם טוב האט געמאכט עירובין אין קליינע שטעטלעך, דארט וואו דער בעל שם טוב איז געווען אין קליינע שטעטלעך, דעריבער איז עס מותר צו טוען - [ווייל] ס'איז א מצוה צו מאכן איינס, דארט וואו ס'איז מותר, דעריבער איז א מצוה צו מאכן איינס, דארט וואו ס'איז אסור - דאַן דארף מען זיין, נישט קיין עם-הארץ רבותי,

מענטשן וואס זאגן אזוי, זענען במזיד, בייזוויליגע, רשעות'דיגע מענטשן, צו זאגן אז דער בעל שם טוב האט געזאגט, אז ס'איז א מצוה.

זיי וועלן זאגן, אז אין ש"ס שטייט אז ס'איז א מצוה צו מאכן אַן עירוב? פיין, איך טו זיי שענקען זייער עם-הארצות, אז אין ש"ס שטייט נישט אזא זאך. אין ש"ס שטייט, אז ס'איז א מצוה צו מאכן אַן עירוב חצירות, קיינמאל שטייט נישט אז ס'איז פאראן א מצוה צו מאכן א צורת הפתח, כאטש וואו אין ש"ס. ס'נישט פאראן קיין איין אזא גמרא! ס'נישט פאראן קיין מצוה צו מאכן מחיצות. ס'איז פאראן א מצוה צו מאכן עירובין. עירובין מיינט, דארט וואו ס'דא אַן עירוב חצירות אדער שיתוף מובאות. דאס איז אלעס וואס שטייט אין ש"ס. דער פאקט אז זיי זאגן עס, ווייל עס זענען אלעמאל געווען רבנים אין אייראפע וועלכע האבן געזאגט אז ס'איז א מצוה. ס'איז א מצוה, דער בעל שם טוב האט טאקע געמאכט א צורת הפתח אין די קליינע שטעטלעך, ווייל אין דעם קליינעם שטעטל, אודאי מעג מען. דאס איז אלעס וואס דער בעל שם טוב האט... וואס?

שאלה: [אודות לעשות צורת הפתח].
בעלצקי: משנה ברורה... צורת הפתח, ווייל דער משנה ברורה האט געזאגט? דער משנה ברורה זאגט, אז ס'איז כדאי פאר א בעל נפש חושש צו זיין.

[צד שני של התקליט]

...אדער, אויב עס איז א סרטיא ופלטיא גדולה, קען מען נישט מאכן א צורת הפתח. דאס איז לשיטת הרמב"ם. אבער אין אייראפע האט מען זיך נישט נוהג געווען ווי דער רמב"ם. אבער לכל הפחות, זענען געווען אסאך רבנים וואס האבן גע'אסר'ט, און אסאך רבנים וואס האבן מתיר געווען. דער בית אפרים און דער משכנות יעקב האבן געהאט גרויסע תשובות אהין און צוריק. על כן, זאגן די דאזיגע אנשי בליעל אז זיי האלטן ווי דער בית אפרים. דער בית אפרים האט געזאגט אז מ'קען זיך סומך זיין אויף די ראשונים וועלכע זאגן אז מ'דארף ששים רבוא, אבער נישט, אז מ'דארף ששים רבוא אין איין איינציגער גאס יעדער איינציגער טאג, וואס קיינער האט נישט געזאגט און קיינער קען נישט מעגליך זאגן.

איר זעט? איך וויל אייך פרעגן רבותי בלויז דער פשוט'סטער פון אלע שאלות. אויב עס וואלט זיך געהאנדלט אין כאטש וועלכע פון די תרי"ג מצות, כאטש וועלכע מצוה דרבנן, כאטש וועלכע הלכה אין הלכות ברכות, אין הלכות כאטש וואס, כאטש וועלכע דבר קל, כאטש וועלכע דבר חמור, וואס איר האט געהערט אז די גדולי הדור האבן גע'אסר'ט, און איר האט געהערט אז עפעס א רב פון עפעס א שטעטל אין מזרח אייראפע וועלכע... - צי עס איז אמאל געווען באוואוינט מיט אידן אדער נישט, אבער היינט פאר זיכער, די לעצטע זעכציג יאר האט עס נישט - און דער געוויסער רב האלט אז ס'איז מותר; וויל איך אייך פרעגן א שאלה: וואלט איינער פון אייך געהאט דאס מינדעסטע ספק - נישט אין א דאורייתא - אין א דרבנן, אין א מנהג, וואלט איינער געהאט דאס מינדעסטע ספק, צי זיי זאלן עס טוען אדער נישט טוען? עס וואלט נישט געווען קיין ספק, אז דוקא אין דער מצוה פון הוצאה, וועלכע איז דאס מערדסטע חמור'דיגע איסור אין כל התורה כולה...

און פארוואס איך זאג, אז דאס איז דאס מערדסטע חמור'דיגע איסור - האב איך אייך געזאגט צוויי טעמים, איינס: ווייל ס'איז [אין דעם] פאראן מער גזירות, און מער סוגיות, און מער ווערטער אין ש"ס, ווי ס'איז פאראן אין די קומענדיגע צען סוגיות צוזאמען, אדער די קומענדיגע צוואנציג. צווייטנס: ווייל מ'איז מחיוב דערויף סקילה, און ס'איז אַן איסור חמור עד מאד.

און דריטנס: איך האב עס דארט דערמאנט אויפ'ן טעלעפאן, זאל איך עס איבער חזר'ן? איך האב אייך געזאגט, אז ס'נישט פאראן קיין קלאָרערער פלאץ אין תנ"ך ווי דער חלק וואס שטייט, אז דאס בית המקדש איז חרוב געווארן ווייל זיי האבן מזלזל געווען אין דעם איסור הוצאה בשבת. און ווען זיי האבן צוריק אויפגעבויט דעם צווייטן בית המקדש, און מענטשן האבן אנגעהויבן צו טראגן אויף דער גאַס אום שבת, האט נחמי' זיי געזאגט, "כה עשו אבותיכם, און זיי האבן געטראגן אויף דער גאס אום שבת, זיי האבן מזלזל געווען", אזיווי איך האב געליינט יענע שטיקל תנ"ך, איך מיין, דא אדער אויפ'ן טעלעפאן, וואו עס שטייט, אז אויב וואלטן זיי אויפגעהערט טראגן אום שבת - רבותי - און נישט עובר געווען אויף דעם איסור הוצאה, וואלט דאס בית המקדש לעולם ועד נישט חרוב געווארן, פארקוקנדיג אויף אלע עבירות. און אויב זיי וועלן עובר זיין אויף הוצאה, נישט קיין חילוק וואס פאר א תשובה זיי האבן געטוען, וואלט דאס בית המקדש חרוב געווארן. אזוי חמור איז דער איסור הוצאה.

איז קל וחומר בן בנו של קל וחומר, אז די אלע דאזיגע קליינע פעלערהאפטיגע בני בלי שם, וואס פארנעמען נישט קיין מקום... האט איך שוין כאטש ווער נאכגעזאגט א הלכה - רבותי - וואס איר האט מחליט געווען צו טוען, ווייל דער לינזער רב האט געזאגט, צי ווייל כ"ץ האט געזאגט, צי ווייל קליין האט געזאגט? ס'נישט פאראן קיין איינציגער מענטש וועלכער האט געזאגט, "איך טו עס ווייל איינער פון די דריי האט עס געזאגט".

מ'האט קיינמאל נישט געהערט פון זיי ביז יעצט, אחוץ פון מעשות פון דאס אדער יענס, אבער זיי שפילן נישט קיין ראלע אין קיין שום זאך. פלוצלינג ווערן זיי א קול און מ'דארף זיך רעכענען [מיט זיי], וואו? אין אַן איסור וואס אלע גדולי הדור, וואס אלע רבנים אין דעם געגנט פונעם שטאט, יעדער איינציגער מענטש האט גע'אסר'ט, וואו ר' משה זצ"ל האט געהאלטן אז מ'איז מחויב מיתת בית דין אויב מ'טוט עס. ווי אַן איסור חמור עד מאד... פלוצלינג זאל מען אנהויבן געבן גלייכבארעכטיגקייט צו די קליינטשיגסטע פון די קליינטשיגע וואס מ'דארף נוצן א "מייקראָסקאָפּ" זיי צו טרעפן, כלפי די אנדערע וואס זענען...

איך האלט נישט אז ס'איז אפילו יושר פון מיר צו זאגן, אז זיי זענען... אז [ר'] משה איז געווען גרעסער פון דעם. ס'מאכט נישט אויס קיין חילוק. איך מיין אז יעדער חדר אינגל איז אזוי גרויס און גרעסער פון זיי. ס'נישטא... איך ווייס נישט פון קיינעם וואס וואלט געגאנגען, און געמאכט די טפשות'דיגע טעותים און די עם-הארצות וואס זיי מאכן, און צו פאלש ציטירן, און צו... איך קען נישט קיינעם. וואס פאר א רעכענונג, וואס פאר א מקום פארנעמען זיי צווישן אונז? וויאזוי קענען מיר מזלזל זיין? וויאזוי קענען מיר... איך קען עס נישט משיג זיין. פשוט איך... ביי מיר איז דאס אזא נבלה, ס'איז אזוי אומגלויבליך! איך קען נישט פארשטיין.

אויב איינער זאגט, אז ס'איז דא א שאלה אויף א געוויסע פּאָטעטאָ טשיפּ, גלייך וואלט די גאנצע... וואלט געווען א גאנצער "אַלאַרם", "וואס קען זיין די שאלה?" די שאלה קען זיין, אז ס'איז דא א תערובות וואס באמת ווערט עס בטל, אחוץ, ווייל חתיכה נעשה נבלה בלח, איז קען זיין דאס און יענס, איז דא א מקום מחמיר צו זיין, אבער פלוצלינג, וועלן ארויסקומען קול קורא'ס און יעדער וועט אסר'ן. איז וואס? פארוואס זאל מען נישט ארויסגיין באקומען חזיר און עס עסן? ס'איז נאר אַן "איסור לאו", דאס אלעס! עסן חזיר, טמאה, איז נאר א "לאו" אדער "לאו ועשה", "כל בהמה טהורה תאכלו."

אויב א מענטש איז גרייט איינצושטעלן אויף אַן איסור סקילה, אויף דער חמורה שבחמורות, נו, וועט ער עובר זיין אויף אנדערע לאוין אויך, ס'האט זייער א גוטן טעם. די גוים האבן מיר געזאגט אז חזיר האט זייער א גוטן טעם. פארוואס נישט? ס'איז לכל הפחות אזא תענוג ווי ארויסגיין אין גאס אום שבת מיט עפעס אַ נארישע משא וואס א מענטש דארף טראגן.

שאלה: פארוואס קומען זיך נישט די ראשי ישיבות און רבנים צוזאמען -

בעלצקי: זיי זענען.

ממשיך השאלה: - און...

בעלצקי: ווייל...

ממשיך השאלה: - און זיי לייגן אין חרם, און דאס וואלט געווען דער סוף -

עוד אחד מפסיק ושואל: פארוואס דרוקט מען נישט זייערע נעמען?

הראשון חוזר: - זיי לייגן אין חרם, און דאס וואלט געווען דער...?

בעלצקי: זיי האבן אלע נעמען -

השואל מפסיק: זיי האבן די נעמען פון די מענטשן וואס גייען קעגן דעם?

בעלצקי: - [און] דאס וועט זיין דער נעקסטער זאך רבותי! אבער איך...

אחד מכריז: אבער עס זענען נאך אלץ דא מענטשן וועלכע וועלן גיין קעגן דעם.

בעלצקי: איר דארפט פארשטיין, אין אונזער געזעלשאפט, ווען מען אטאקירט א מענטש ווערט ער דער נרדף, און דאן שטעלט זיך יעדער אויף, און זאגט: "חס ושלום, פוגע צו זיין אין זיין כבוד, און חס ושלום...", און אלע שטעלן זיך אויף, און אלע זענען משבח, און אזוי קענען זיי אַנגיין און אַנגיין. מאכט נישט קיין טעות דורך שאפן א מענטש אלס א נרדף. דאס איז גענוי וואס זיי זוכן!

פארוואס מיינט איר אז זיי קומען אריין שפרינגענדיגערהייט די צוויי הויפט אנשי בליעל פון די... איינער פון זיי איז אריינגעשפרינגען אינמיטן דער אסיפה מיט צוואנציג יאר צוריק, און איינער פון זיי איז אריינגעשפרינגען ביי דער לעצטער וואכידיגער אסיפה, און די זעלבע זאך, אנגעשטעלט א "פאָבליק שאר" און געלאכט און געמאכט לצנות און יעדן מבייש געווען. פארוואס מיינט איר טוען זיי דאס?

רבותי, ווען עפעס א משוגענער ווארפט אריין א שטיין אין א פענסטער פון א געשעפט, און ער באקומט זיין בילד אין דער צייטונג, ריכטיג?, און מ'פירט אים אוועק אין קייטלעך, דאס איז גענוי וואס ער וויל, פרסום! ער זוכט צו האבן זיין נאמען געדרוקט. ער זוכט צו ווערן א מפורסם. דאס מערסטע וויכטיגע זאך צו וויסן איז, נישט צו דערמאנען קיין נאמען, ריכטיג? איר געדענקט יענער באוואוסטער מענטש וועלכער האט געזאגט, "עס גייט מיך נישט אָן וואס די צייטונגען זאגן וועגן מיר, ווילאנג זיי שרייבן מיין נאמען ריכטיג."

שאלה: פארוואס אין פלעטבוש האבן יא די רבנים געמאכט אַן עירוב?

בעלצקי: אין פלעטבוש האט דער "יאָנג איזרעיל" געמאכט דעם עירוב; פארוואס? ווייל די פלעטבוש רבנים, זאלן מיר מוחל זיין, כבודם במקומם מונח–בזיונם במקומם מונח, די וועד הרבנים פון פלעטבוש זענען געגאנגען - און איך בין געווען אויף זייער קאָמיטי מיט צוואנציג, פינף און צוואנציג יאר צוריק, און איך האב באזוכט אסאך פון די וועד הרבנים פון פלעטבוש, און דער ענטפער איז געווען איין ענטפער - דער ענטפער איז געווען; אז ס'איז דא א געוויסער רב אין בארא פארק וועלכער האט זיי געזאגט: "גייט אַן דערמיט", און היות ער האט זיך נישט געגאָלט פאר א לאנגער, לאנגער צייט, און ער זעט אויס זייער רעליגיעז, און צוליב דעם האט ער געשריבן א גאנצע קונטרס, און דאס איז געווען זיין קונטרס וואס ער האט געשריבן.

די וועד הרבנים זענען געגאנגען צו ר' משה מיט דעם קונטרס, און דעם קומענדיגן טאג האבן זיי געדרוקט א מודעה אין דעם "מארגן זשורנאל", און די מודעה איז געווען, אז הגאון הדור ר' משה שליט"א, רבן של כל בני הגולה, האט אפיציעל געזאגט פאר די רבנים פון פלעטבוש, אז זיי האבן דעם רעכט אלס פוסקים און אלס רבנים אליין מחליט צו זיין, און דערויף טוען זיי דרוקן זייער פסק אז ס'זאל זיין אַן עירוב אין פלעטבוש.

א טאג אדער צוויי שפעטער בין איך געזעסן אינעם קאר מיט ר' מיכאל בירנבוים, זאל געזונט און שטארק זיין. איר ווייסט דאך, ר' מיכאל איז געווען נאנט מיט ר' משה, ער איז א משגיח. ר' מיכאל האט געזאגט, אז ער איז דארט געווען אינעם הויז. ער האט געזאגט, אז די רבנים זענען געקומען דארט, א דעלעגאציע פון פינף, זעקס רבנים און האבן געברענגט דעם קונטרס פון יענעם אין בארא פארק מיט'ן "רעד לייט", וועלכער האט געזאגט, אז די "רעד לייטס" האבן א דין ווי א חומה, ווייל דינא דמלכותא דינא, און ווען די שטאט הייסט זיך אפשטעלן ביי דעם "רעד לייט", איז עס כאילו עס וואלט געווען א וואנט, און ממילא האט עס א דין ווי א חומה, "עיר שיש לו חומה", אויף יעדער גאס איז דא א חומה. נאכמער האט ער געזאגט, אז אינמיטן דער גאס איז א סכנה צו גיין צוליב די קארס, איז קען דאס נישט ווערן אנגערופן א רשות הרבים-צוליב סכנות נפשות, און די זייט פונעם גאס הייסט צדי רשות הרבים - און מענטשן גייען דארט - און ממילא איז עס אויך נישט קיין רשות הרבים, ווייל "צדי רשות הרבים לאו כרשות הרבים דמי", איז ממילא נישטא קיין רשות הרבים, און אזוי ווייטער. דאס איז געווען דער תמצית פון די אלע זאכן. און אין יענעם קונטרס איז געשטאנען וועגן שלמה המלך וואס האט געבויט אַן עירוב אין ירושלים. און אויכעד איז געשטאנען וועגן...

ר' משה האט געוואוסט... זיי האבן געגעבן דעם תשובה, און האבן געבעטן ר' משה אז ער זאל קוקן אויפ'ן תשובה. ר' משה איז אזוי געשטאנען, האט ר' מיכאל געזאגט, מיט זיינע הענט אויפ'ן זייט און מיט'ן פנים אראפ, און האט נישט געזאגט קיין ווארט. און זיי... און ווייטער האבן זיי עס אריין געשטופט: "ראש ישיבה, ראש ישיבה, גיט א קוק אויפ'ן תשובה." זיי האבן עס אריין געשטעקט אין זיין האנט, און ר' משה האט עס געלאזט פאלן צו דער פלאָר, [און] ס'איז געלעגן אויף דער פלאָר. און איינער פון זיי האט אויסגערופן: "ראש ישיבה, פארוואס ווילט איר נישט קוקן אין תשובה?". דאס מאל האט זיך ר' משה ארומגעדרייט, ער איז ארויסגעגאנגען און צוגעקלאפט די טיר, און אויפ'ן וועג ארויס האט ער געזאגט: "וואס קומט איר צו מיר?, איר זענט דאך אליין רבנים, פסק'נט פאר זיך", און האט צוגעקלאפט די טיר. דאס איז עס געווען.

אויף דעם ארויף, האבן זיי דעם קומענדיגן טאג אריינגעלייגט א מודעה אינעם צייטונג, אז דער גאון הדור ר' משה פיינשטיין האט מודיע געווען פאר'ן ציבור, אז די וועד הרבנים פון פלעטבוש זענען פוסקים און זיי קענען פסק'נען.

איך קען עס נישט משיג זיין רבותי. איך ווייס נישט... איך הער א גאנצן טאג - איך בין אין זייער אסאך פארשידענע ביזנעסעס; די כשרות ביזנעס און די שאלה ביזנעס, און יעדער קומט אדער רופט מיך אַן דורכאויס דעם גאנצן טאג. יעדער איז מיט פחד. א טויזנט מענטשן, לכל הפחות צוויי הונדערט מענטשן במשך יעדע וואך, און אלע מענטשן האבן איין זאך, אויב איז עס א שאלה, ווילן זיי וויסן: צי איז עס א ספק? איז עס באמת ערלויבט? איז עס מותר? איז עס הונדערט פראצענט? אין הכי נמי, דער זאגט מותר, אבער אפשר איז עס טאקע אסור? יעדער איז אינגאנצן זהיר אין אלע תרי"ג מצות, אחוץ איינס,

און דער איינס איז דאס מערסטע חמור פון אלע. איך קען עס נישט משיג זיין.

און די דאזיגע... ביי מיר, איז דאס מערסטע פארווייטאגטע זאך, אז די דאזיגע מענטשן האבן פרובירט... איך מיין, דאס איז דאך א בייזוויליגע זאך! זיי האבן עס פרובירט צו געבן... זיי פארבן עס מיט די ווערטער "חסיד'יש!" אז חסיד'יש איז אַן ענין צו מאכן עירובין. דער פאקט אז יעדער רבי דא האט גע'חתמ'ט קעגן דעם, דאס מיינט גארנישט, אבער זאגן וועלן זיי: "דער עירוב איז חסיד'יש!" איר פארשטייט? זיי פרובירן עס צו פארדעקן. דאס פרובירן זיי צו פארקויפן פאר'ן ציבור. איך מיין, ווי בייזוויליג קען א מענטש זיין.

שאלה: האט איינער אמאל פרובירט רעדן צו די דאזיגע רבנים און -

בעלצקי: אַבסאַלוט!

שאלה נמשך: - ארויסגענומען ספרים...

בעלצקי: אַבסאַלוט!

שאלה נמשך: און זיי אויפווייזן?

בעלצקי: אַבסאַלוט!

שאלה נמשך: און?

בעלצקי: איך קען די מענטשן וואס זענען אריבערגעגאנגען, און איך קען די מענטשן וועלכע האבן גערעדט מיט זיי. ס'נישטא מיט וועמען צו רעדן, ס'נישטא וואס צו רעדן.

שאלה: זיי לערנען פאלש פשט?

בעלצקי: זיי לערנען נישט פשט - ריכטיג פשט, פאלש פשט. די ווערטער קלעבן זיך נישט איינער צום צווייטן. ס'איז דא א סיבה פארוואס די דאזיגע מענטשן זענען פעלערהאפטיג. ס'איז דא א סיבה פארוואס נישט קיין בעלי בתים, נישט קיין חסידים, נישט קיין תלמידים קלעבט זיך. ס'איז דא א סיבה דערויף. פארוואס איז עס אזוי? האט שוין ווער איינער אריינגעטראכט אין דעם? געב מיר דעם ירמי'. איר פארשטייט?

שאלה: ס'איז דא איין געוויסער רב פון דער יאַנג איזרעיל, וועלכער איז זייער רעספעקטירט, און ער האלט אז...

בעלצקי: ווער, קעני אומן?

השואל משיב: יא.

בעלצקי: איך וויל אייך זאגן, קעני אומן האט מיר געזאגט, ווען קעני אומן האט גענומען דעם דזשאב, האבן זיי עס אים געגעבן מיט א תנאי כפול, אז ער וועט קיינמאל נישט זאגן א ווארט קעגן דעם עירוב. האט ער געזאגט, פיין! אבער, ער וועט אויך קיינמאל נישט זאגן א ווארט פאר'ן עירוב! ער האט מיר פערזענליך געזאגט, ער זאגט: "קליין איז א פאַפּער, די גאנצע תשובה איז געפאַפּט, דער גאנצער היתר איז געפאַפּט."

אחד אומר: ער האלט נישט דערפון.

בעלצקי: ער האלט נישט דערפון. בסדר, איך זאג אייך וואס ער האט מיר געזאגט. ער איז א פיינער יונגערמאן, און ער האט דאס מיר געזאגט ווען ער האט גענומען דעם דזשאב. ער האט גענומען דעם דזשאב מיט א תנאי כפול, אז אויב ער זאגט א ווארט קעגן דעם עירוב וועט מען אים ארויס שטויסן בו ביום. דאס איז געווען דער דזשאב, און ער האט מיר געזאגט, אז ס'איז געפאַפּט, און דער וועלכער האט עס געמאכט איז א פאַפּער.

פארוואס האט ער אנגענומען דעם דזשאב?

בעלצקי: ער האט אַן אחריות -

שאלה: [?]

בעלצקי: איך ווייס נישט. ער האט אַן אחריות, און ער קען מורא'דיג אסאך אויפטוען מיט דעם שול. ער איז זייער א גרויסער ירא שמים.

שאלה: אבער וויאזוי לאזט ער דאס צו?

בעלצקי: ער זאגט מענטשן פריוואט, און רוב מענטשן טאקע טראגן נישט אזויווי זיי פלעגן.

רבותי! אויב איר קענט איינעם וואס איז אייערס א גוטע פריינד... ס'איז כמעט די ענדע פונעם שיעור, ממילא האט עס נישט קיין צוועק אנצוהייבן די גמרא. אבער לאזט מיך ליינען, וועט איר האבן אביסל פונעם טעם. רבותי, רבותי, דא אין קפיטל י"ז, פסוק י"ט, אין ירמי', זיבעצן, ניינצן, שטייט אזוי. איך וועל עס אייך בלויז ליינען, און דאן וועט איר עס אליין זען אויב איר ווילט.

"כה אמר ד' אלי הלוך ועמדת בשער בני העם אשר יבאו בו מלכי יהודה וכל יהודה ואשר יצאו בו ובכל שערי ירושלם: ואמרת אליהם שמעו דבר ד' מלכי יהודה וכל יהודה וכל ישבי ירושלם הבאים בשערים האלה: כה אמר ד' השמרו בנפשותיכם ואל תשא משא ביום השבת והבאתם בשערי ירושלם: ולא תוציאו משא מבתיכם ביום השבת וכל מלאכה לא תעשו וקדשתם את יום השבת כאשר צויתי את אבותיכם: ולא שמעו ולא הטו את אזנם ויקשו את ערפם לבלתי שמוע ולבלתי קחת מוסר: והי' אם שמוע תשמעון אלי נאם ד' לבלתי הביא משא בשערי העיר הזאת ביום השבת ולקדש את יום השבת ובאו בשערי העיר הזאת מלכים ושרים ישבים על כסא דוד רכבים ברכב ובסוסים המה ושריהם איש יהודה וישבי ירושלם וישבה העיר הזאת לעולם: ובאו מערי יהודה ומסביבות ירושלם ומארץ בנימין ומן השפלה ומן ההר ומן הנגב מבאים עלה וזבח ומנחה ולבונה ומבאי תודה בית ד': ואם לא תשמעו אלי לקדש את יום השבת ולבלתי שאת משא ובא בשערי ירושלם ביום השבת והצתי אש בשערי' ואכלה ארמנות ירושלם ולא תכבה:"

און די דאזיגע מענטשן רבותי, זענען רשעים גמורים! זיי זענען מחריבים כלל ישראל! אויב איז דא איינער וועלכער איז מאריך דעם גלות איז עס זיי! ס'איז מענטשן ווי זיי, וואס אין די אלטע צייטן וואלטן זיי בהחלט אויפגעשטעלט דעם "בעל" און דעם "אשירה", און דאס איז זייער אקט היינט. ס'איז פשוט אַן ענין פון, "הבה נבנה לנו עיר ונעשה לנו שם", דאס אלעס איז עס, נישט מער! און ס'נישטא קיין יסוד, ס'איז גארנישט, און ווער עס הערט אויס... איך קען נישט משיג זיין וויאזוי א מענטש קען האבן א ספק אין זיין מחשבה, ווען ס'איז דא אלע גדולי הדור אויף איין זייט, און א פּאָר פון די דאזיגע אויף דער אנדערער זייט. ביי מיר איז עס פשוט אומגלויבליך.